תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים
רַע בְּאָזְנֵי ה'

בעזרת השי"ת ▪ בהעלותך תש"פ ▪ גליון פ'

# "פארוואס האסטו טענות? אויף וועמען האסטו טענות?"

### דער חטא פון די מתאוננים...

ר' יענקל קומט אריין אין שוהל און באמערקט גלייך ווי א גרויסע קופקע יונגעלייט שטייען אינדערזייט. עס זעהט אויס צו זיין אן ערנסטע אסיפה... איינער שטייט און קאכט, **"איז דאס גערעכט? מיר דארפן זיך לאזן?"** בעת וואס א צווייטער העלפט נאך צו און לייגט צו נאך אפאר טענות...

ר' יענקל שטייט פון דער זייט, בעת וואס אין זיין מח קומט פאר א העפטיגע דעבאטע. "יא איך הער וואס זיי שרייען, אבער מוז איך אויך מסכים זיין ווייל אלע שרייען אזוי? אדער מעג איך זיי איבערהאקן און געבן צו פארשטיין אז איינער רעדט דא מלא נגיעות און דערפאר קומט די אלע טענות... מעג איך זיך ווידערשטעלן און זאגן "רבותי פאלט נישט אריין אין די פאסטקע, שטעלט אייך אפ און טראכטס אריין "זענען טאקע די אלע טענות אמת און ריכטיג"?"

**טענות:** די גרעסטע כלי וואס א מענטש נוצט ארויסצוגעבן זיין ווייטאג איז דער ענין פון טענות. ער האט טענות אויף דעם און אויף יענעם, "היתכן עס איז אזוי, עס וואלט דאך געדארפט זיין אזוי!" אבער אויב וועט מען צולייגן אביסל קאפ צו דעם, וועט מען זעהן אז אפט מאל איז דאס בכלל נישט דער ווייטאג.

אין די וואכנדיגע פרשה געפונען מיר צוויי פון די צען עפיזאדן אינעם מדבר ווי כלל ישראל האט ליידער דערצערענט דעם אייבערשטען דורך האבן טענות, "היתכן עס איז אזוי, עס וואלט געדארפט זיין אזוי!" **וואס איז דער יסוד?** פארוואס האט א מענטש טענות אויף זיין מצב און ווי אזוי קען מען דאס מונע זיין? וואס דארף זיין דער ריכטיגע מהלך המחשבה?

**דער נסיון פון תבערה און קברות התאוה, וואס קענען מיר זיך ארויסלערנען פון דעם?**

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ה', וַיִּשְׁמַע ה' וַיִּחַר אַפּוֹ, וַתִּבְעַר בָּם אֵשׁ ה', וַתֹּאכַל בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה.** (במדבר יא, א)

## דער חטא פון די מתאוננים

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרֹת הַתַּאֲוָה** (לג, טז). כ' אייר, דעם צווייטן יאר פון יציאת מצרים, נאכן וויילן כמעט א יאר צייט[א] אין חורב (ביים בארג סיני), **נעלה הענן מעל משכן העדות...** האט זיך דער ענן אויפגעהויבן, צייגענדיג אז מען פארט ווייטער, אוועק פון **מדבר סיני**, און אריין אין **מדבר פארן** כדי אנצוקומען קיין קדש ברנע, דער ערשטע שטאט אין ארץ ישראל (ספורנו י, יא). די אידן זענען געגאנגען א וועג פון דריי טעג[ב] ביז **וישכן הענן במדבר פארן**, מען האט זיך אפגעשטעלט אין מדבר פארן. (דער פלאץ וואס איז שפעטער גערופן געווארן מיט נאמען "**תבערה**"- "קברות התאוה"- "חצרות", וכו')

מען איז נארוואס אנגעקומען און... **וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ה'**, די בני ישראל (דהיינו די רשעים,) זענען געווארן "**מתאוננים**". וואס מיינט "מתאוננים"? זאגט רש"י: **אין מתאוננים אלא לשון עלילה**, מתאוננים מיינט א בילבול, דער עולם האט אנגעהויבן זיך אפרעדן און קרעכצן מיט לעכערליכע טענות.

וואס האבן זיי געזאגט? זאגט רש"י:" **כמה לבטנו בדרך זה שלשה ימים**"... "דער וועג איז געווען אזוי שווער, גייענדיג דריי טעג נאכאנאנד אן זיך אפרוען. אוי וויי, מיר זענען אזוי אויסגעמוטשעט!" לכאורה זעהט דאס אויס ווי א שטארקע טענה?!

**לאמיר זיך דאס פארשטעלן**: א גאנצע קבוצה פון מענטשן גייען און גייען אין א וויסטע מדבר. ווי לאנג קען דען א מענטש גיין אן זיך

---

[א] עי' רש"י ד"ה בחודש השני (י, יא)

[ב] עי' רש"י ד"ה דרך שלשת ימים (י, לג) מהלך שלשת ימים הלכו ביום אחד. אך מדברי הגמרא תענית כט: משמע שנמשך מסעם שלשה ימים, והגיעו לקברות התאוה בכ"ב באייר.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אפשטעלן? א שעה, צוויי, דריי... ווער רעדט נאך פון גיין א גאנצע טאג, דריי טעג נאכאנאנד... דאס קען מען זיכער נישט!

נו. אויב אזוי, לכאורה זענען זיי גערעכט מיט זייער טענות?! דער וועג וואלט טאקע געדארפט זיין זייער שווער, גייענדיג דריי טעג נאכאנאנד אן אפרוען!

זאגט דער ספורנו: **וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים**, לא מתאוננים בלבם באמת! דאס איז נישט קיין עכטע טענה, **כי לא היתה אצלם שום סיבה ראויה לזה שיתאוננו**, זיי האבן נישט געהאט קיין שום עכטע סיבה פארוואס צו וויינען, דאס איז געווען בלויז אנצוזייען כאאס...

**לאמיר זיי צוריק פרעגן:** אזוי, דריי טעג ממש האט איר זיך טאקע געמוטשעט?! צו זענט איר דען נישט געווען ארומגענומען מיט די ענני הכבוד יום ולילה וואס האט גראד געמאכט די בערג, ליכטיג געמאכט ביינאכט און אייך געטראגן ווי א שיף פארט אין וואסער?!

זענט איר טאקע געווארן אויסגעמוטשעט פונעם וועג? אדער איז דאס סתם אן אויסגעטראכטע טענה? ווער רעדט נאך לפי שיטת רש"י (ד"ה דרך שלשת ימים (י, לג): **מהלך שלשת ימים הלכו ביום אחד**) זענט איר דאך בכלל נישט געגאנגען קיין גאנצע דריי טעג!

ועל כולם: ווי אזוי וויגט איר זיך אפרעדן ווען דער גאנצע גייעג איז גאר געווען פאר אייער טובה וועגן. אודאי, וואלט מען זיך געקענט עטליכע מאל אפשטעלן , אבער עס איז דא א סיבה פארוואס מען האט געיאגט.

**וַיִּחַר אַפּוֹ.** זאגט רש"י: דער אייבערשטער האט געזאגט, "איך האב געמיינט אייער טובה, מען זאל גיין דריי טעג רצוף כדי איר זאלט שנעלער קענען אנקומען קיין א"י און איר ניצט דאס גאר אלץ א טענה קעגן מיר?!"

### דעמאלטס פארוואס טאקע וויינען זיי? וואס איז פשט פון די טענות?

זאגט רש"י: **לפי שהיו מבקשים לפרוש מהקב"ה.** דער שוואכער עולם האט געזוכט און געהאפט אויף א סיבה צו קענען האבן טענות אויפן הנהגת הבורא, האפנדיג אז אזוי וועלן זיי זיך קענען ארויסציען פון דעם גאנצן עול התורה והמצות, רח"ל.

ד"ה: **נישט דער וועג איז געווען שווער, דער הנהגת הבורא איז זיי געווען שווער! נישט דער וועג איז דער פראבלעם, דער מענטש איז דער פראבלעם! וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין כח צו זיין אן ערליכע איד, עס איז אים שווער צו לעבן מיט די עול פון תורה און מצות, דערפאר זוכט ער וועגן ווי אזוי פטור צו ווערן פון דעם, מיט אן אויסרייד "איך האב טענות!!!"**

**לאמיר זיך מתבונן זיין: וויפיל מאל קענען מיר האבן טענות אדער הערן טענות און עס קוקט אויס זייער אמת'דיג, אבער ווען מען קוקט טיפער, זעהט מען אז לפי האמת איז דאס בכלל נישט דער פראבלעם!**

וא"ת, ווי קומט צו אזא הייליג פאלק, וואס זיי זענען קוים דריי טעג אוועק פונעם בארג סיני, דער הייליגער חופה, שוין וויל מען נישט דער עול התורה והמצות?!

זאגט דער אלשיך הק': דאס איז געשעהן ווייל זיי האבן געדינט דעם אייבערשטען געצווינגענערהייט און מיט א ביטערניש! וואלטן זיי דאס מקבל געווען בשמחה ובטוב לבב, וואלט דאס קיינמאל פאסירט...

דער אלשיך הק' געבט צו פארשטיין: דאס איז פונקט ווי א האר וואס איז מחנך זיין עבד און לערנט אים אויס ווי אזוי ער דארף זיך פירן און לאזט אים נישט נאכגיין אלע זיינע תאות.

אויב דער עבד וויל דאס נישט, ער וויל יא מאכן א לעבן אן דער עול פונעם בעה"ב... וועט ער זיך ארומדרייען אנגעזעצט און טרויעריג, כדי דער בעה"ב זאל פארשטיין אז ער איז נישט צופרידן און וויל דאס נישט, ואולי עי"ז וועט ער אים פארשיקן און אזוי ארום, וועט ער ווערן פריי.

פונקט אזוי האט ליידער פאסירט מיט כלל ישראל. וויבאלד זייער גאנצע עבודת ה' איז געווען ווי א לאסט אויפן קאפ, זיי האבן נישט געוואלט זיך פלאגן צו שטארק, זיי האבן נישט געוואלט זיך אפגעשיידן פון די תאות, **על כן היו עושין מצות ה' בעצבון כמתאוננים וקצים בעבדתו יתברך**, האבן זיי זיך אנגעהויבן ארומדרייען ווי אנגעזעצטע מענטשן.

**וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים.** זאגט דער רמב"ן: זיי האבן גערעדט און זיך אויפגעפירט ווי דעפרעסטע מענטשן וואס קרעכצן און וויינען... און דאס האט זיי צוגעברענגט צו זוכן טענות...

**עס קען זיין אז די טענות קוקן אויס צו זיין גוטע, אבער איידער מען ווערט איבערגענומען פון די טענות, לאמיר זיך א פרעג טוהן, "צו איז דער טענה א טענה, אדער בלויז א תירוץ פאר זייערע שוואכקייטן?"**

~

## דער צווייטער פשט
## דער חטא פון די מתאוננים...

**זאגט דער רמב"ן:** "מתאוננים" מיינט "קרעכצן", אזוי ווי א מענטש קרעכצט ווען ער האט צער און וויטאג, אזוי האבן זיי געקרעכצט און געקלאגט...

**וואס איז געווען זייער צער?** זאגט דער רמב"ן: כל זמן וואס די אידן זענען געווען אין מדבר סיני, זענען זיי געווען עטוואס נעבן א ישוב, אבער יעצט ווען מען פארט אריין טיפער אינעם מדבר, היו מצטערים בעצמם לאמר, "וואס גייט דא זיין? ווי אזוי גייען מיר לעבן דא אין די מדבר? פון וואו גייען מיר האבן טרינקען? פון וואו גייען מיר האבן עסן? און ווי אזוי גייען מיר דאס קענען אויסהאלטן?"

### זענען די טענות שוין יא ריכטיגע טענות?

**אפשר יא... לאמיר זיך דאס פארשטעלן:** א גאנצע קבוצה פון מענטשן- מענער, פרויען און קינדער לאזן זיך ארויס אויפן וועג, אריין אין א וויסטן מדבר, אן קיין עסן טרינקען און לעבנס-וויכטיגע חפצים. וואלט זיך איינער ארויסגאלאזט אויף אזא געפארפולע וועג אן גארנישט?! לכאורה זענען זייערע טענות ריכטיג!

זאגט דער רמב"ן: **רַע בְּאָזְנֵי ה'**, דער טענות איז געווען שלעכט און ווידערשפעניג! **שהיה להם ללכת אחריו בשמחה ובטוב לבב, מרוב כל**

**טובה אשר נתן להם**, זיי וואלטן געדארפט נאכגיין דעם אייבערשטען בשמחה וטוב לבב, בפרט נאך די אלע ניסים ונפלאות וואס זיי האבן געזעהן ביז אהער...

יא, דאס איז שייך ווען א בשו"ד איז דיין מדריך און פירט דיר אין מדבר אריין אן קיין לעבנס-וויכטיגע זאכן! אבער ווען דער כל יכול, דער אייבערשטער אליין פירט דיר אין מדבר אריין, דעמאלטס נייןǃ דארף מען זיך נישט זארגן, נאר מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטען אז ער קען און וועט דיר מאכן אלעס!

אנשטאט **ללכת אחריו בשמחה ובטוב לבב...** זיי זאלן זיצן רואיג פיל מיט בטחון, **היו כאנוסים ומוכרחים מאתוננים ומתרעמים על ענינים.**

## "אנשטאט לעבן מיט טענות, לעב מיט אמונה ובטחון!"

און דאס איז אונזער הייניטיגע לימוד: פארוואס גייסטו ארום דעפרעסט? פארוואס האסטו טענות? ליבער פארלאז זיך אויפן הנהגת הבורא, וועסטו לעבן רואיג און בשמחה, ובפרט ווען אלעס איז ס"ה נאר פאר דיין טובה וועגן...

**לעבן מיט א תכלית...**

זאגט דער הייליגע אפטער רב זי"ע: דער תכלית פון דער בריאה און דער תכלית פון עבודת השם איז, אז דאס איד זאל זיין **בשמחה ובטוב לבב מהנהגת הבורא.**

ווען א איד איז מקבל אויף זיך ברצון ובשמחה דער הנהגת הבורא און וואס דער אייבערשטער טוט איז אים גוט, וועט ער זוכה זיין **מדה כנגד מדה**, אז דער אייבערשטער וועט אויך אננעמען זיין הנהגה אפי' ווען ער פירט זיך נישט אויף כראוי, כאילו ווי עס וואלט געווען די בעסטע הנהגה. (נתיבות שלום בהעלותך, בא"ד איתא בתורת אבות).

**וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא תַּבְעֵרָה כִּי בָעֲרָה בָם אֵשׁ ה'** (יא, ג).

**זאגט דער צרור המור** (הובא במעם לועז): דערפאר האט מען געגעבן א נאמען פאר דעם פלאץ לפי דעם שטראף, כדי לפרסם בכל העולם, יעדער זאל זיך אפלערנען פון דעם. יארן שפעטער, ווען מענטשן וועלן פרעגן "וואס איז דער מאדנע נאמען, פארוואס הייסט דער פלאץ "תבערה"?!" וועלן זיי געוואויר ווערן פונקטליך וואס דא האט פאסירט און אזוי ארום, זיך אנהייבן אויפפירן ריכטיג.

## דער חטא פון קברות התאוה

דער צווייטער פאסירונג אין די וואכנדיגע פרשה...

**וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה וַיָּשֻׁבוּ וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר.** (יא, ד)

והאספסף, הערב רב שנאספו עליהם בצאתם ממצרים (רש"י), האבן געהאט תאות, זיי האבן געגליסט צו עסן דווקא פלייש! "וואס טוט מען? ווי אזוי קען מען האבן וואס מען וויל?" מען הייבט אן וויינען און קרעכצן, מען קומט מיט טענות און מענות... מען הייבט אן שרייען און פארפירן ווי גלייך מען איז דער גרעסטע רחמנות, ווען אין פאקט איז דאס ס"ה א תוצאה פון א תאוה.

נו, וואס איז דער טענה? "מיר האבן נישט וואס צו עסן..." וועט מען זיי פרעגן, "דער מן הייסט נישט קיין עסן?" ענטפערן זיי, "איז דען מעגליך אז א מענטש זאל עסן נאר איין מאכל א גאנצע טאג?! און נאך דערצו, יעדן איינציגן טאג... **אֵין כֹּל בִּלְתִּי אֶל הַמָּן עֵינֵינוּ**, מיר האבן גארנישט!"

די טענות ומענות ווערן גרעסער, "רבותי, צו געדענקט איר נישט די פיינע עסן אין מצרים, די גוטע פיש וואס מיר האבן אמאל געהאט, די פיינע ירקות... יעצט האבן מיר גארנישט, נאר מן און מן....!"

## דער טענות הייבן אן קלעבן!

**וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר.** די איבריגע אידן האבן געזעהן ווי דער עולם וויינט און שרייט, **וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, האבן זיי אויך אנגעהויבן וויינען און קלאגן. דער עולם איז צוביסלעך געווארן מער און מער אריינגעשלעפט, "עס זעהט דאך אויס ווי ריכטיגע און שטארקע טענות!"

אבער רבותי! שטעלט אייך אפ א רגע! טראכטס אריין, "זענען טאקע די אלע טענות אמת'דיג און ריכטיג?!" ווארטס א מינוט, ווערט נישט אריינגעשלעפט, טראכט אביסל טיפער, וועסטו זעהן דעם אמת!

**"לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם."**

(ישעיהו כו, כ)

**זאגט רש"י** (ד"ה מי יאכלנו בשר): **וכי לא היה להם בשר?** זיי שרייען אז זיי דארפן פלייש. צו דען האבן זיי טאקע נישט געהאט קיין פלייש?! עס שטייט דאך **וגם ערב רב עלה אתם וצאן ובקר וגו'** (שמות יב), זיי אליין האבן געהאט אסאך שאף און רינדער. דעמאלטס פארוואס וויינען זיי? ווער לאזט זיי נישט עסן קיין פלייש?!

זאגט רש"י ווייטער: **וא"ת אכלום**, אויב וועסטו זאגן, "יא! עס קען זיין זיי האבן געהאט פלייש, אבער יעצט איז שוין אלעס אויפגעגעסן!" **קען אויך נישט זיין!** עס שטייט דאך אסאך שפעטער ביים אנקומען קיין ארץ ישראל: **ומקנה רב היה לבני ראובן וגו'** (במדבר לב). אפי' דעמאלטס האבן זיין נאך געהאט בהמות!

**דעמאלטס פארוואס שרייען זיי "זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם חִנָּם"?!** פרעגט רש"י: צו קען דען זיין אזא זאך, שמצריים נותנים להם דגים חנם? מאדער שטרוי האט מען זיי נישט געגעבן בחנם, (ווי עס שטייט אין פסוק שמות ה, יח **ותבן לא ינתן לכם**) פיש האט מען זיי יא געגעבן?!

דעמאלטס וואס איז דער טענה? זאגט רש"י: **מבקשין עלילה**, דאס אלעס איז בלויז געווען אבי גע'טענה'ט, אויסגעטראכטע פאלשע טענות... און **חנם** מיינט **חנם מן המצות!**

זאגן די מפורשים פשט (כמו שאמרנו לעיל): נישט די עסן האט זיי ווייי געטוהן, נישט די פיש האבן זיי געדארפט... נאר די עול התורה

והמצות, דאס איז זיי געווען שווער און די טענות איז געווען בלויז א מיטל ווי אזוי אנצוקומען צו זייער ציל....

און דאס איז פשט און זייערע ווערטער...

זיי האבן געטראכט, "ווען מיר זענען געווען אין מצרים, נאך איידער מיר האבן מקבל געווען די תורה ומצות, איז אונזער לעבן געווען פיל גרינגער, מיר האבן נישט געהאט קיין דינים אדער איסורים אין יעדן מאכל... מיר האבן געקענט עסן סיי וואס מיר האבן געוואלט...

משא"כ יעצט, נאך קבלת התורה, איז כמעט נישט דא קיין שום מאכל וואס מיר קענען עסן אן הלכות איסורים, וכו'. למשל ביי פלייש פון א בהמה איז דא **הלכות שחיטה**, קודם דארף מען דאס שחט'ן, דערנאך דארף מען אכטונג געבן פון דעם איסור פון **דם**, **חלב**, **גיד הנשה**, וכו'. און אפי' אויב מיר ווען נישט נעמען א בהמה, נאר נעמען אן עוף, איז עודך דא פרישע הלכות ווי **כיסוי הדם**, **טריפה**, וכו'...

די איינציגסטע מאכל וואס האט נישט די אלע דינים איז דער פיש, ווייל אפי' נאך קבלת התורה קען מען גיין כאפן א פיש און דאס עסן (פארשטייט זיך אז דער פיש דארף זיין פון די טהור'ע מינים). מען דארף דאס נישט שחט'ן, צודעקן, באקוקן פאר טריפות ....

**זָכַרְנוּ- אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל- בְּמִצְרַיִם חִנָּם...** **נאכל** איז טייטש מכאן ולהבא, **זָכַרְנוּ-** דער פיש וואס איך עס יעצט נאך קבלת התורה, דערמאנט מיר אז **בְּמִצְרַיִם חִנָּם...** אין מצרים איז אלע עסן אזוי געווען- חנם! ווי רש"י זאגט: "חנם מן המצות". (שו"ת מים חיים, קונטרס אוצרות חיים, הובא בספר כמוצא שלל רב)

## מוסר השכל

### לאמיר מאכן דעם סך-הכל...

נישט די טענות וואס א מענטש זאגט, דאס איז טאקע וואס באדערט אים. עס איז געווענדליך דא אסאך א טיפערע באדייט ווי די פשוט'ע ווערטער, עפעס באדערט דער מענטש וואס ער קען נישט קלאהר ארויסזאגן. דער טענות און העצררייען איז נישט דער ציל, בלויז א באהאלטענע מיטל צו פאר'נאר'ן אנדערע כדי ער זאל קענען אנצוקומען צו זיין ציל.

מיט אביסל התבוננות און מחשבה, דורך זוכן דעם אמת'ע שורש וואס טוט מיר אדער יענעם וויי, וואלט צענדליגע ווייטאגן, מחלוקת'ן אדער סתם אומאיינגענעמע סיטואציע"ס געווארן פארמיטן!

דער בהלה און שנעלע טעמפא פון אונזער לעבן טוט גורם זיין אז מיר טוהן זיך נישט גענוג מתבונן זיין. איינער הייבט אן זאגן א טענה און דער צווייטער קויפט דאס גלייך אנשטאט זיך אפשטעלן און טראכטן, "אפשר האט דאס גאנצע טענה בכלל נישט קיין האפט, אפשר איז דער גאנצע טענה גאר געבויעט אויף א שוואכקייט וואס דער מענטש האט..."

ועל כולם, לאמיר שטענדיג געדענקן אז א איד וואס לעבט מיט אמונה ובטחון און איז מקבל אויף זיך דער רצון הבורא בשמחה ובטוב לב, ער האט קיינמאל נישט קיין טענות...

# הערות פון די לייענער:

אינעם גליון פון שבועות, האט איר ארומגערעדט וועגן דעם ענין פון עמילות בתורה, ווי עס איז אזוי שיין ארויסגעברענגט געווארן וועגן דעם ענין פון זיך פלאגן יעצט און זעהן נחת שפעטער...

ווי איר האט געשריבן דעם טייטש פונעם שפת אמת אויפן פסוק, יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי... (דברים לב, ב) טייטשט דער שפת אמת: **יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי**. לשון קשה, תחילה צריך האדם לעמול וללמוד מתוך יגיעה וצער, ורק לאחר מכן, **תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי** איז ער זוכה שהתורה תתברך במעיו. **תחילתו מר וסופו מתוק.**

**אויף דעם ארויף, וויל איך מיטטיילן מיט אייער לייענער די פאלגנדע מעשה.**

דער מגיד ר' יעקב גלינסק ז"ל האט דערציילט אז אין נובהרדוק האט מען דערציילט אזא סיפור.

עס איז געווען א א חבורה פון ליידיגייערס וואס האבן כסדר פארברענגט די צייט מיט טרינקן, שיכור'ן און ארומלאכן.

איין טאג, נאכן שטופן א לענגערע צייט, האט זיך אנגערופן איינער פארן צווייטן "איי, וואס וועט זיין מיט אונז? מען וועט דאך אמאל דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף די אלע מעשים, וואס ווען מיר ענטפערן?!"

תיכף, האבן זיי זיך אפגעמאכט בתקיעת כף אז ווער פון די חבורה וועט אוועק גיין פון דער וועלט ערשט, וועט קומען דערציילן פאר זיינע חברים וואס האט פאסירט ביי זיין משפט בעולם העליון, און אזוי וועלן די איבריגע חברים זיך קענען גרייטן פאר זייער משפט.

וכך הוי, עס איז נישט אדורך א לענגערע צייט און דער ערשטער פון זיי, מחמת רוב שיכורת, איז אוועק פון דער וועלט. עטליכע טעג זענען אריבער און והנה, דער נפטר קומט אין חלום פאר זיין חבר, זיין פנים אינגאנצן פארשווארצט פון די פייער פון גיהנום.

זיין חבר זעהט דעם פנים און ציטערט פאר שרעק. ער פרעג אים, "אלעס איז בסדר מיט דיר?" זאגט אים דער נפטר, "יא! חברה, אלעס איז בסדר! איר קענט רואיג ווייטער פארברענגען און טרינקן וויפיל איר ווילט! איין זאך נאר, וויסקי זאלט איר נישט טרינקן! איר ווייסט פון וואס איך רעדט? דער געלע געטראנק, דער ביטערע, דאס זאלט איר בשום אופן נישט טרינקן!"

דער חבר וואונדערט זיך, "וואס איז מיט דער וויסקי אז פונקט דאס נישט?"

דער נפטר איז מסביר, "איך בין ארויפגעקומען אויבן אין הימל פאר בי"ד של מעלה. דער ערשטע שאלה וואס מען האט מיר געפרעגט איז געווען "עסקת בתורה? האסטו געלערנט? האסטו קובע עיתים לתורה געווען?"

"מיטן גאנצן שטאלצקייט, געב איך א זאג, "ניין! וואס עפעס האב איך געדארפט לערנען?! עס האט מיר בכלל נישט אינטערעסירט!"

די מלאכים וואונדערן זיך, "וואס הייסט? דו האסט נישט געטראכט פון דיין עתיד? דו האסט נישט געטראכט פון אנפילן דיין עולם הבא?"

זאג איך זיי, "מלאכים טייערע, זעהט אויס אז איר קענט מיר נישט, איך בין נישט א מענטש וואס טראכט פון א עתיד, איך טראכט נישט פון שפעטער, איך טראכט נאר פון יעצט, אלעס וואס איך האב געטוהן האב איך נאר געטראכט פון יעצט! יעצט האב איך הנאה- איז גוט! אה, האב איך הנאה געהאט פון דער וועלט!"

פרעגן זיי מיר, "למשל פון וואס האסטו הנאה געהאט?"

וואס הייסט?! איך האב געהאט גוטע חברים, מיר האבן כסדר פארברענגט צוזאמען, געטרינקן צוזאמען, גע'שיכור'ט צוזאמען..."

"אזוי?" פרעגן די מלאכים, "וואס למשל האט איר געטרינקן, ווייו?"

"אודאי, ווייו פון יעדער קאליר און פון יעדע מין!"

"וואס נאך האט איר געטרינקן?" "אוי, ברוינפן, ליקר, אראק, ויסקי..."

די מלאכים וואונדערן זיך און פרעגן מיר, "בשלומא ווייו אדער זיסע ליקר אפשר, אראק איז אויך גוט ווייל עס האט א פיינע טעם, אבער ויסקי? פוי! עס איז דאך אזוי ביטער אן קיין טעם! ווי אזוי האסטו דאס געטרינקן?!"

איך הייב אן לאכן, "איי, וואס פארשטייט איר צו טרינקן? יא, אודאי אין אנהייב איז עס ביטער, אבער איר ווייסט ווי גוט דאס שפירט שפעטער?! דער גאנצע גוף ווערט ווארעם, דער נפש הייבט זיך אויף און מען פליט אין דער לופטן!"

תיכף האבן די מלאכים אנגעהויבן שרייען אויף מיר, "אהא! הייסט אז דו קענסט יא טראכטן פון שפעטער! ביי וויסקי האסטו פיין געקענט נעמען א ביטערע טראפ ווייל שפעטער גייט דאס זיין גוט?! פארוואס ביי תורה האסטו נישט אזוי געטראכט, גענומען אביסל צייט פון דיין טאג און זיך געזעצט לערנען, געטראכט פון שפעטער אז עס וועט דיר זיין גוט בעולם הבא?!" תיכף איז ארויס זייער פסק "גיהנום!"

"דערפאר טייערע חברים, זאג איך אייך, אלעס קענט איר טרינקן, אבער וויסקי זאלט איר נישט טרינקן!!!"

א מושג פון א שיכור! (והגדת אלול וראש השנה)